בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון כ"ה

פרשת שופטים תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### אַרַיין שְׁמוּגְלֶען דִי מוּסָר אִינְמִיטְן

מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס פְרֶעגְן: וָואס טוּט מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ מוּז אִים אַ גַאנְצְן טָאג זָאגְן **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, אָדֶער מִיט אַ קִינְד וָואס קוּמְט אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידְל.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען דַארְף זָאגְן "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן", מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן דִי כִּתָּה הֶפְקֵר, און מֶען דַארְף זָאגְן וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָנְגֶעטוּן וִוי אַזוֹי מֶען ווִיל, יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן; אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן נָאר דָאס, אִיךְ מוּז לִיבּ הָאבְּן דָאס קִינְד און אִיךְ מוּז טְרֶעפְן נָאךְ צֶען גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען אִים זָאגְן, אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן צַייט אִינְמִיטְן טָאג אִים צוּ קֶענֶען גֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

פוּן זָאגְן אַ גַאנְצְן טָאג מוּסָר: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"בִּיסְט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל"**, וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֶענְט אִיר אוֹיךְ זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן און מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

וֶוען מֶען דַארְף בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד וָואס טְשֶׁעפֶּעט, מוּז מֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ שֵׁיין וָוארְט אוֹיפְ'ן קִינְד, אַזוֹי וִוי מֶען גֶעבְּט מֶעדֶעצִין; וָואס טוּט מֶען וֶוען דַארְף גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד מֶעדֶעצִין? עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין, וָואס טוּט מֶען? מֶען גֶעבְּט זֵיי אַן אֵייסֶעס אָדֶער אַ זִיסֶע גֶעטְרַאנְק פַארְדֶעם און נָאכְדֶעם, און אִינְדֶערְמִיט שְׁמוּגְלְט מֶען אַרַיין דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין, אַז נִישְׁט וֶועט דָאס קִינְד אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן דִי מֶעדֶעצִין, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ וֶוען מֶען דַארְף זָאגְן פַאר אֵיינֶעם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן און עֶנְדִיגְן מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, און אִינְמִיטְן לֵייגְט מֶען שׁוֹין אַרַיין דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן.

### וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם - נֶעמְט מֶען מִיט!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, און אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אָנְהֵייבּ שִׁיעוּר אַז **"וָואס מֶען טוּט פַאר זִיךְ, לָאזְט מֶען דָא"**, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְהִילָה מִיט נָאכְגֶעלָאזְטֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אִיבֶּער גֶעדְרֵייטֶע הַייזֶער. מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע, צוּזַאמְגֶענוּמֶענֶע, זוֹיבֶּערֶע הוֹיז, מֶען דַארְף אִיבֶּער פֶּעינְטְן דִי הוֹיז, לֵייגְן שֵׁיינֶע לֶעקְטֶערְס וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דִי אַלֶע זַאכְן וֶועלְן דָא בְּלַייבְּן, און **"וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם"**, מֶען גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, מֶען טוּט אַ חֶסֶד מִיט אַ צְוֵייטְן, **"נֶעמְט מֶען מִיט!"**

### מֶען מוּז אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוּסָד, מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען. אַז מֶען הָאט אַ זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט, אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶערְט, דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דֶער מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת. אוֹיבּ מֶען קוּמְט צוּ לוֹיפְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מֵיינְט דָאס אוֹיסְשְׁפִּילְן דֶעם סִיסְטֶעם. אוֹיסֶער מֶען זֶעט וִוי מֶען רֶעדְט צוּם מְנַהֵל אָדֶער מְנַהֶלֶת און עֶס וֶוערְט נִישְׁט מְסוּדָר קֶען מֶען קוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. אָבֶּער מֶען מוּז זִיךְ קוֹדֶם דוּרְכְרֶעדְן צוּזַאמֶען, מִיר הָאבְּן אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גוּטֶע מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת, זֵייעֶר אַמְט אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ פוּן כָּבוֹד אַז 'הָאסְט מִיךְ יָא גֶעפָּאלְגְט' און 'הָאסְט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט', אוֹיבּ בַּאדֶערְט סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

### • חִיזּוּק און הַדְרָכָה

אַ לֶערֶערִין וָואס שְׁפִּירְט אַז דִי מְנַהֶלֶת הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער צְנִיעוּת'דִיג, מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי הָאט דִיךְ פַיינְט, און עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף אִיר פָאלְגְן אַלְס כָּבוֹד אַפִילוּ עֶס אִיז וִוי קָאפּ אִין וַואנְט, אַפִילוּ עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט וָואס זִי זָאגְט, אַדְרַבָּה, רֶעדְט זִיךְ אִיבֶּער און שְׁמוּעֶסְט עֶס אוֹיס מִיטְ'ן מְנַהֶלֶת, קֶען זַיין זִי וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען קֶען יָא גֵיין אַזוֹי אָנְגֶעטוּן, וֶועט אִיר וַוייטֶער קֶענֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי אַזוֹי אִיר ווִילְט.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אַ מוּסָד אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטוּבּ; פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אִינְדֶערְהֵיים דַארְפְן בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, און אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּזַאמֶען גֵייעֶן דִי קִינְדֶער חָרוּב הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מוּסָד, דֶער מְנַהֵל, מְלַמֵּד, בָּאס דְרֵייוֶוער, בָּאס רֶבִּי און מֶענֶעדְזְשֶׁער; און אִין שוּלֶע דִי מְנַהֶלֶת, לֶערֶערִין, סֶעקְרֶעטֶערִי, בָּאס לֶערֶערִין - דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, אוֹיבּ אֵיינֶער פָאלְגְט וָואס מֶען זָאגְט אִים אָבֶּער עֶכְט הַאלְט עֶר אַנְדֶערְשׁ, און טוּט עֶס גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט, אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, דִי קִינְדֶער כַאפְּן עֶס גְלַייךְ אוֹיף, און דִי קִינְדֶער וֶוערְן גְלַייךְ עַזּוּת פָּנִים'עֶר.

אִינְדֶערְהֵיים אִיז אוֹיךְ דָא זַאכְן וָואס מַאן און וַוייבּ זֶענֶען נִישְׁט אַיינְשְׁטִימוּנְג מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער אַרְבֶּעט מֶען צוּזַאמֶען, אַמָאל גֶעבּ אִיךְ נָאךְ און אַמָאל גֶעבְּט זִי נָאךְ, אָבֶּער מֶען אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס און מֶען הֶערְט אוֹיס דֶעם אַנְדֶערְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין אַ מוּסָד, דִי גַאנְצֶע שְׁטַאבּ דַארְף זִיךְ קֶענֶען קוּקְן אִין פָּנִים און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵייטְן, אַפִילוּ מֶען הַאלְט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶענֶעם. ◆

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## דִי צְוֵוייטֶע נְקוּדָה:

### דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים

לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז הַיינְט גֶעוָוארְן נֵייעֶ וֶועלְט, אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים; אַמָאל אִיז גֶעוֶוען, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן — בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים — בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, הַיינְט קֶען אַ מַאמֶע זַיין אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים! וואוּ אִיז זִי? זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן. אֵיי, מֶען הֶערְט דָאךְ אִיר קוֹל אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין דִי פֶּענְסְטֶער זֶעט מֶען אִיר זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים? - זִי אִיז טַאקֶע אִינְדֶערְהֵיים, אִיר קֶערְפֶּער אִיז אִינְדֶערְהֵיים, אִירֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער אִיר 'מֹחַ' אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים! זִי אִיז נִישְׁט דָא, זִי אִיז יֶעצְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, זִי קוֹיפְט יֶעצְט אַיין אוֹיף אִיר טֶעלֶעפָאוֹן!

לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען דָא אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מַאמֶע, דִי מַאמֶע זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אַנְשְׁטָאט זִי זָאל זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי קִינְדֶער אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, שְׁפִּילְן קַארֶעלֶעךְ, קְלִיקְס אוּן מַאגְנֶעטְ'ס מִיט דִי קִינְדֶער, אָדֶער דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל, הַאלְטְן זֵיי זִיךְ קְלוּגֶער פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַז מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן מַאכְן זֵיי חָרוּב זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זֵייעֶר קִינְדֶערְ'ס לֶעבְּן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן"**.

### וֵויי אוּן בִּיטֶער צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן

פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶס אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר בְּלִיטְשְׁקֶעדִיג אוּן שַׁיינֶענְדִיג, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען קֶען רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען זִיךְ שְׁרַייבְּן, מֶען קֶען דֶערוּיף אַיינְקוֹיפְן, מֶען קֶען גְלַייךְ זֶען יֶעדֶע חָתָן כַּלָה בִּילְד, אוּן מֶען קֶען שְׁנֶעל כַאפְּן בִּילְדֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער לֵיידֶער מַאכְט עֶס אַז דִי מַאמֶע זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן נָאכְדֶעם מַאכְט עֶס אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס אוֹיךְ ווִילְן הָאבְּן וֶוען זֵיי וַואקְסְן אוֹיף, אוּן אַז אַייעֶר קִינְד וֶועט עֶס הָאבְּן - וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן?! וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען בִּכְלַל לֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן?!

בַּיי פְּרוֹיעֶן אִיז עֶס פִּיל אַן עֶרְגֶערֶע זַאךְ וִוי בַּיי אַ מַאן, עֶס אִיז דָא מֶענֶער וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְ'ס אָבֶּער זֵיי דַארְפְן עֶס נֶעבֶּעךְ הָאבְּן, פַארְפַאלְן, דָאס אִיז הַיינְט דִי בִּיזְנֶעס וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס בַּיי זֵיי אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דוּ וֶועסְט זָאגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ ווִיל אִין דִי אַלְטֶע הֵיים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס... זֵיי דַארְפְן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, דָאס אִיז זַיין בִּיזְנֶעס, עֶר דַארְף הָאבְּן אִימֶעיל, עֶר דַארְף קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן גֶעלְט אִין בַּאנְק, עֶר דַארְף קֶענֶען קוּקְן זַיין גֶעלְט פוּן בַּאנְק, עֶר דַארְף קֶענֶען רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת וְכוּ', פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי דַארְפְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס צוּ פִילְטֶערְן, אוּן וֶועלְכֶע פִילְטֶער צוּ לֵייגְן, אוּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אָבֶּער פַאר אַ פְרוֹי וָואס זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים מִיט אִירֶע קִינְדֶער, אִיז וֵויי אוּן בִּיטֶער צוּ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, מֶען פַארְלִירְט דִי לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי קִינְדֶער, מֶען פַארְלִירְט דֶעם מַאן, מֶען פַארְלִירְט דִי מֶענְטְשׁ-הֵייט, מֶען פַארְלִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

### טוּט עֶס פוּן זִיךְ אַלֵיינְס!

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע עֶלְטֶערְן! וַוארְפְט אַוֶועק אַייעֶר סְמַארְטְפָאוֹן! אִין אַלֶע מוֹסְדוֹת צְווִינְגְט מֶען אַז מֶען וֶועט אַרוֹיס וַוארְפְן דִי קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, דָא וַוארְפְט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער זַייט קְלוּג, טוּט עֶס פוּן זִיךְ אַלֵיינְס!

וֶוען אִיר זֶעט אַ מַאמֶע מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן זַייט אִיר נִישְׁט מְקַנֵא, 'וַואוּ זִי הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן', זִי אִיז אַ נֶעבֶּעךְ, אַ רַחְמָנוּת, מֶען דַארְף אִיר מְקָרֵב זַיין.

אַפִילוּ אַז מֶען זֶעט אֵיינֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ דָא מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַ גַבַּאי אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, עֶר אִיז פוּן דִי נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען מֶעג דָאס הָאבְּן, לֵייגְט צוּ אֵיין וָוארְט אוֹיף יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, דֶעם וָוארְט: **"נֶעבֶּעךְ"**.

### מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק אוֹיף דֶעם

אַסַאךְ מָאל בֶּעטְן מִיר אִינְגֶעלַייט: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אוּנְז גֶעבְּן חִיזוּק אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן"**, - אִיךְ קוּק זֵיי אָן מִיט וואוּנְדֶער, חִיזוּק אוֹיף נִישְׁט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן?! אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק נֶעמֶען מַיין שֵׂכֶל וֶועל אִיךְ גֵיין קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ וֶועל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַ קָאמְפְּיוּטֶער אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ דַארְף חִיזוּק נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן מַיין שְׁטוּבּ מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט?! חִיזוּק דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְ'ס, זֵיי מְחַזֵק זַיין זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין אִידְן, אִיךְ וֶועל זֵיי זָאגְן: **"קוּמְט אִין שׁוּל, דַאוֶוענְט אוּן לֶערְנְט"**.

### אִיךְ וֵויס וִוי אַיין אוּן וִוי אוֹיס...

חִיזוּק דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס, אַז זֵיי זָאלְן זַיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער, רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט קִינְדֶער אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער. אַז מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן מֶען הַאלְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִינְדֶערְהֵיים, וֶועלְן דִי קִינְדֶער עֶס נָאכְמַאכְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, נָאכְדֶעם וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: **"וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שְׁלֶעכְט?"** — אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, דָאס אִיז דָאךְ דִי חִינוּךְ וָואס אִיר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן! אִיר הָאט דָאךְ אוֹיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן. - אָבֶּער אִיךְ וֵויס וִוי אַיין אוּן וִוי אוֹיס — אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ זָאגְן אִיךְ וֵויס וִוי אַיין אוּן וִוי אוֹיס!

### אַ פְרוֹי מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַ קַשְׁיָא!

וואוֹיל אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט אַרַיין קַיין קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ, וואוֹיל אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹנְ'ס, וּבִפְרַט אַ פְרוֹי. אַ פְרוֹי מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַ קַשְׁיָא! אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן קֶען מֶען נָאךְ אֶפְשָׁר פַארֶענְטְפֶערְן אַז עֶר דַארְף עֶס פַאר זַיין פַּרְנָסָה, אָבֶּער אַ פְרוֹי מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן — דָאס אִיז אַ קַשְׁיָא.

### הַיינְט אִיז דָאס מֶער נִישְׁט קַיין לִיגְנְט

אַמָאל וֶוען אַ אִיד הָאט גֶעקְלַאפְּט בַּיים טִיר נָאךְ גֶעלְט אוּן דָאס קִינְד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי מַאמֶע זָאגְן: **"מַאמִי, אַ מֶענְטְשׁ קְלַאפְּט בַּיים טִיר"**, וֶוען דִי מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט: **"זָאג אַז מַאמִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים"**, - אִיז דָאס גֶעוֶוען לִיגְנְט! דִי מַאמֶע אַז דָאךְ יָא אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער לֵיידֶער הַיינְט אִיז דָאס מֶער נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, מַאמִי אִיז טַאקֶע נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים! וואוּ אִיז זִי? זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען עֶרְגֶעץ אַיינְקוֹיפְן, אִיר גוּף אִיז דָא, אָבֶּער אִיר מֹחַ אִיז יֶעצְט בַּיים שִׁיךְ גֶעשֶׁעפְט, זִי זִיצְט שׁוֹין שָׁעוֹת שָׁעוֹת מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁיךְ, זִי קוּקְט דָא אוּן דָארְט.

### פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אַייעֶר קִינְד

קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף אַ מַאמֶע, זֵיי ווִילְן אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִי מַאמֶע, זֵיי ווִילְן אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מַאמֶע, דֶער קְלֵיין קִינְד ווִיל וַוייזְן זַיין גֶעקַאטְשְׁקֶעטֶע צֶעטְל וָואס עֶר הָאט גֶעמָאלְן אִין חֵדֶר, אוּן דִי מַאמֶע אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט אִיר טֶעלֶעפָאוֹן.

‹‹‹

## בְּרִיוְון פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיז זַיין תּוֹרָה עֶפֶּעס װֶערְד?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ בִּין כִּמְעַט זִיכֶער אַז מַיין בָּחוּר הָאט לֵיידֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן; מַיין בָּחוּר הָאט צְוֵויי חַבְרוּתוֹת מִיט וֶועמֶען עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אָבֶער עֶס אִיז דָא מְחַנְכִים וָואס זָאגְן אַז דָאס לֶערְנֶען אִיז גָארְנִישְׁט װֶערְד וִוי לַאנְג עֶר וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק זַיין טֶעלֶעפָאן, אִיךְ הַאלְט אָבֶער אַז עֶר זָאל יָא כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן קְדוּשָׁה, אִיךְ ווִיל וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אִינְטֶערְנֶעט", דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער. דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַ אִיד טָאר נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, אָדֶער סַיי וָואס פַאר אַ כְּלִי וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, וַוייל בַּיים סוֹף וֶועט עֶר אַלֶעס פַארְלִירְן וְכוּ', עֶר וֶועט זִיךְ גֶעט'ן אוּן בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט.

דֶער ס"מ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם בָּחוּר, אָבֶער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דֶער בָּחוּר זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַבִּי צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָבֶער גָארְנִישְׁט קֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ מַאכְן וְכוּ' וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דְרָאגְס (סַמִּים) אִיז, וַוייל זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי נִמְאָס, זֵיי שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ טַעַם מִיתָה, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר מְיוּאָשׁ, דָאס מַאכְט זֵיי לוֹיפְן צוּ דְרָאגְס, בִּיז זֵיי וֶוערְן פוּן דֶעם קְרַאנְק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, דִי עֶלְטֶערְן אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי צַעַר פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וִוי שְׁטַארְק זֵיי ווִילְן חַתוּנָה הָאבְּן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין, זֵיי ווִילְן אָנְהוֹיבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן; נָאר אֲפִילוּ סְתַּם מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי אַ בָּחוּר הוֹיבְּט אָן זִיךְ אָנְטוּן מָאדְנֶע, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערְשׁ וִוי אַלֶעמֶען, וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס דֶער פְּשַׁט אִיז, וֶוען דֶער פְּשַׁט אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט - זֵיי ווִילְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶער עֶס נָאגְט זֵיי, עֶס פַּיינִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג, דֶערְפַאר טוּעֶן זֵיי דִי אַלֶע זַאכְן.

וָואס אִיז יָא דֶער עֵצָה? דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ עֵצָה, אַ גְרִינְגֶע עֵצָה, אַ זִיסֶע עֵצָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קיט)

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת, מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד?

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ גֶעבּ זִיךְ בָּרוּךְ ה' אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַז זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט גֶעפֶערְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ קוּק זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט קוּקְן אוּן אִיךְ טוּ עֶקְלְדִיגֶע אוּן פְּרָאסְטֶע זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט טוּן. עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי; אִיךְ זָאג מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אָבֶער דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ נָאךְ פַארְזִינְקֶען אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ מֶעג זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער, אָדֶער בִּין אִיךְ זֵיי גָאר מְטַמֵּא. אִיךְ רֶעד צוּ קִינְדֶער נָאר גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי נָאר עֶרְלִיכְקֵייט אוּן וואוּילְקֵייט. דִי שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער צִי מַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זַאךְ אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אִין קְלַאס מִיט דִי קִינְדֶער אִיז דָאס אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ? אָדֶער אִיז דָאס גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן אוּן אִיךְ טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעוָואלְט זָאגְן פַאר מַיין מְנַהֵל אַז אִיךְ גֶעבּ אוֹיף מַיין פָּאסְטְן, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וָואס דֶער דַעַת תּוֹרָה אִיז; אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּן.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"ד אִיָּר, ל"ט לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד: "וִויפִיל פַארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְ'ן טָאג אוּן אוֹיפְ'ן שָׁעָה - וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין

›››

### הַמְשֵׁךְ חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### • חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

››› טוּט דָאס פַאר אַייעֶר קִינְד! זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק מִיט אַייעֶר קְלֵיין קִינְד אוּן קוּקְט דֶער מֶענְטְשֶׁעלֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקָאלֶערְט, קוּקְט דִי אַלֶף בֵּית וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם קִינְד'ס הַארְץ, גֶעבְּט אִים לִיבְּשַׁאפְט, רֶעדְט צוּ אִים, שְׁפִּילְט מִיט אִים, פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס מָאנְטָאג וַיְחִי שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

## המשך בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַּארְלִירְן יֶענֶע וֶועלְט פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער; וַוייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ)"; אַזוֹי אִיז דָא כַּמָה וְכַמָה שִׂיחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסה; תקצא).

מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז אוֹיבּ אִיז דָא אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ שׁוֹחֵט – זָאל דָאס זַיין דַוְקָא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (הוּבָא בְּבַעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פָּרְשַׁת יִתְרוֹ, אוֹת יט) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף שׁוֹחֲטִים זֵיי זָאלְן זַיין קַלִים וְרֵקִים אוּן מַכְשִׁיל זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט נְבֵילוֹת וּטְרֵיפוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; אוֹיךְ פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם אוֹיף דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי פַארְסַמְ'עֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶרֶע אַפִּיקוֹרְסוּת; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ יָא אַ שׁוֹחֵט, אוֹיבּ יָא אַ מְלַמֵד, זָאל דָאס שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן מַיינֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם".

עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְדִים, וִוי זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס אִיז גֶעוֶוען יָארְן לַאנְג אַ מְלַמֵד, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד, זַייעֶנְדִיג זֶעקְס יָאר אַלְט בַּיי אַ מְלַמֵד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רֶבִּי יַעֲקֹב קַלְמְנוֹבִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה – וֶועם מֶען הָאט גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה "ר' יַעֲקֹב מְלַמֵד".

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וִוי דֶער מְלַמֵד פְלֶעגְט אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; דֶער חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵד נֶעמֶען דֶעם קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קוּשְׁן דֶעם פָּרוֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִילָה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּ גֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם פָּרוֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער מְלַמֵד ר' יַעֲקֹב פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן אִין חֵדֶר יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ פְּרוּטָה אוּן עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פּוּשְׁקֶע צוּ אַלֶע קִינְדֶער, אוּן בְּשַׁעַת עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי פּוּשְׁקֶע הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער נִיגוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "הֲרֵינִי נוֹתֵן צְדָקָה לַעֲנִיִים וְלַיְתוֹמִים וְלָאַלְמָנוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה צוּ זֶען וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס קִינְד לֵייגְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע נָאכְן זָאגְן דִי תְּפִילָה.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע מְלַמְדִים גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר זִכְרוֹנוֹת פוּן דֶעם מְלַמֵד אוּן פוּן נָאךְ אַ מְלַמֵד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. ווּאוֹיל אִיז פַאר אַ מְלַמֵד וָואס דֶערְצֵיילְט יֶעדְן טָאג מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ, מֶען הֵייבְּט אָן מְקַנֵא זַיין דִי צַדִיקִים אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט אוֹיף גֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ, מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וֶוען מֶען הֶערְט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת ווִיל מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוּן וֶוערְן אַ צַדִיק.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בִּזְכוּת וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי, דוּ הָאסְט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, זָאלְסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת; דִי וֶוערְטֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער זָאל אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַארְץ, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב שכד)

## שִׂמְחוֹת וִוינְקְל

### ◆ ברכת מזל טוב ◆

מערכת "שיעורי חינוך" וואונטשט בשם אלע מחנכים איבער די וועלט א ווארעמע ברכת מזל טוב פאר

**מורינו הראש ישיבה שליט"א**

צום געבורט פון אן אייניקל א אינגל

ביי זיין אידעם **הרב נתנאל פארקאש** נרו יאיר

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח ווייטער אונז צו לערנען דעם וועג ווי אזוי מיר זאלן זיין ערליכע אידן און קענען מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא, אמן.

אויך וואונטשן מיר א ברכת מזל טוב פאר די חשובע זיידעס

**הרב ר' יואל פארקאש שליט"א**

**הרב ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א**

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך אידיש נחת ביי אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

מערכת שיעורי חינוך

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876